# תורת יואל

גליון מס' 36

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פ' במדבר/שבועות תשפ"ה

## ואתה הפקד את הלוים וגו'

דער בעל הטורים ברענגט צו א **מסורה**, (דאס הייסט א ענליכע פסוק) א פסוק אין תהלים: **הפקד עליו רשע**, דארף מען פארשטיין די שייכות פון די צוויי פסוקים.

**ונראה לפרש:** דער רבי ברענגט קודם צו א פשט אין מדרש פון פרשת תצוה, אויפן פסוק **ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך**, זאגט דער מדרש: ווען דער באשעפער האט געזאגט צו משה רבינו, ער זאל דערנענטערן זיין ברודער אהרן צו די עבודה, **הרע למשה**, האט עס ווי געטוהן פאר משה.

איז זייער שווער פארוואס האט עס וויי געטוהן משה'ן? מיר זעהן דאך ביים **סנא**, ווען דער באשעפער האט זיך באוויזן צו משה רבינו און געהייסן גיין צו פרעה, האט משה נישט געוואלט גיין, ווייל ער האט נישט געוואלט צונעמען די גדולה פון זיין עלטערע ברודער אהרן, אויב אזוי פארוואס איצט האט עס אים וויי געטוהן?

אין פרשת תצוה איז דער רבי מפרש דעם פסוק, מיט די ווערטער פונעם **אר"י הקדוש**, אז לעתיד לבוא וועלן די לוים זיין כהנים און טוהן די עבודה, אין דאס איז געווען דער טעות פון קרח, קרח איז געווען א לוי און האט געוואלט שוין טוהן די עבודה אזוי ווי **לעתיד לבוא**, אבער ליידער

איז נאכנישט געווען דער עולם התיקון, און די לוים האבן נאכנישט געמעגט טהון די עבודה, און וועגן דעם איז קרח באשטראפט געווארן.

במילא יעצט ווען דער באשעפער האט געהייסן משה ער זאל מקרב זיין אהרן צו די עבודה, האט עס זייער וויי געטהון, ווייל דאס מיינט אז ס'איז נאכנישט דער עולם התיקון, און משה רבינו וועט נישט קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל, **הרע למשה**, האט עס וויי געטוהן פאר משה רבינו.

און די סיבה פארוואס ס'איז נאכנישט געווען קיין **עולם התיקון**, צוליב די חטאים פון דעם דור, בפרט דער חטא העגל, און אזוי אויך די ווייטערדיגע דורות, די חטאים זענען גורם אז משיח קומט נישט, במילא קענען די לויים נישט נתעלה - דערהויבען ווערן צו די מדריגה פון כהנים.

און דאס איז פשט אין די מסורה, **ואתה הפקד את הלוים** טייטש: זאלסט באפעלן די לויים צו זייער עבודה, צו זיין משוררים, לכאורה פארוואס זענען די לויים נישט ראוי' צו טהון די עבודה אזוי ווי כהנים? קומט דער צווייטער פסוק **הפקד עליו רשע** מיינט צו זאגן אז די חטאים און רשעים פון דור זענען גורם אז די לויים בלייבן לויים אין נישט קיין כהנים.

# א בינטעל זכרונות

**הרה"ח ר' חיים מרדכי פערלמוטער הי"ו** (המשך)

איינמאל אנקומענדיג צום רבין'ס הויז, רופט צו די רעבעצין און זאגט אים, אז דער רבי ליידט זייער פון מאגן ווייטאג, און געבעטן ער זאל צופארן צו א געשעפט און קויפן א **פאפאיע-פרוכט**, וואס העלפט זייער גוט, נאך ארום פארן כמעט א שעה האט ער עס ענדליך געטראפן און געברענגט, די רעבעצין האט עס צושניטן און סערווירט דעם רבין, דער רבי האט זיך מחי' געווען, און געהאלטן און איין בליקן אויף ר' ח.מ. און אים זייער באדאנקט.

א פערזענליכע מעשה פארציילט ר' חיים מרדכי, דער רבי האט געהייסן ר' ח.מ. ער זאל זוכן צו קויפן א ביזנעס, (דוקא א ביזנעס, נישט א זשאב) וואס ער האט לכתחילה נישט געזוכט, אבער אז דער רבי הייסט, האט ער זיך אומגעקוקט, און פלעגט ברענגן פארן רבי'ן הצעות וואס מען טראגט אים אן, דער רבי האט איבערגעטראכט און אפגעווארפן, ביז איינמאל האט דערציילט אז מ'טראגט אן א בעקעריי אין מאנהעטן, **דער רבי זאגט יא**, דאס זאלסטו אפקויפן.

נאך א שטיק צייט זאגט אים דער רבי ער זאל אויך אפקויפן דעם גאנצען בנין, ר' ח.מ. האט לכתחילה נישט געזוכט צו זיין א לענדלארד, נישט וועלענדיג צו האבן צו טוהן מיט טענענטס וכדו', האט ער דאך געפאלגט דעם רבי'ן, און געגעבן א אפפער דעם בעל הבית, און עס אפגעקויפט, און **ברכת צדיק עשה רושם** אויף אסאך יארן עד היום ב"ה.

א מורא'דיגע מעשה פארציילט ר' ח.מ. אליינס געהערט פון דעם בעל המעשה, צו אים אין די בעקעריי פלעגט אריינקומען א איד ר' ראובן, א פייערדיגער איד, א חבד'צקער חסיד פון דערהיים, **א שטארקער מקורב צום מהריי"ץ**, איינמאל פרעגט ער ר' ח.מ. וואספארא <u>חסיד</u> זענט איר? ר' ח.מ. ענטפערט וואס הייסט א **סאטמאר'ער חסיד**, אהה!!! איך מוז אייך פארציילן א מעשה וואס איך האב געהאט מיט סאטמאר רב.

אין פורים צופרי, תש"ט אדער תש"י, נאך שחרית רופט מיך צו מיין רבי, הרה"צ יוסף יצחק מ'ליובאוויטש זצ"ל, און הייסט מיר טראגן א פלאש וויין **משלוח מנות** צום סאטמאר'ער רב, און לייגט צו א הוראה, **דוקא טראגן - דוקא צופיס**, ר' ראובן הייבט אן פרעגן די ארומיגע ווי אזוי קומט מען דארט אן, די מקורבים זאגן אים גייטס אויף בעדפארד עוו', און ווען איר זעהט פרומע אידן דאס מיינט אז איר זענט אין וויליאמסבורג, און פרעגטס אייך נאך ווי דער סאטמאר רבי וואוינט.

ענדליך טרעף איך דעם רבין'ס הויז, מיט די ברייטע טרעפ (סטופעס) אויף בעדפארד קארנער קליימער, איך גיי אריין די ערשטע גרויסע טיר, איך קלאפ אויף די צווייטע, און א **מלאך אלוקים** עפנט אויף, (ר' ראובן זאגט: כ'האב נאך אזא צורה נישט געזען) איך גיב א זאג: <u>איך זוך דעם סאטמאר רב</u>, דער רבי שמייכלט און זאגט מיר, איר האט גוט געטראפן, איך גיב איבער דעם **משלוח מנות**, דער רבי באדאנקט זיך, און ר' ראובן שפאצירט ארויס, און הייבט אן זיין וועג אהיים.

גייענדיג א האלבע גאס, הערט ער ווי מען רופט מיך, איך דריי זיך אויס און זעה ווי דער רבי שטייט אויף די ברייטע טרעפ אוןווארט אויף מיר, דער רבי זאגט: <u>איך האב אייך נישט געגעבן אויסלייז געלט</u>, דער רבי גיט מיר א **פינעווער**, אין זאגט מיר די ווערטער: עס **וועט אייך צינוצקומען** און וואונטשט אן א גוטן פורים.

קומענדיגען פרייטיג צונאכטס ביים זאגן גוט שבת פאר זיין רבי'ן, גיט מיר דער **מהריי"ץ** א פרעג: איר האט אויסגעפיהרט דעם שליחות? <u>אוודאי ענטפער איך</u>, און אפי' באקומען א פינפער, דער מהריי"ץ רופט זיך אן: **עס וועט אייך צינוצקומען**.

ר ראובן איז געווען א בעל מחשבה און פארשטאנען - שיש דברים בגו, אז דא ליגט עפעס טיפערס, ער האט דעם פינפער אוועקגעלייגט, און ווייזט פאר ר' ח.מ. אז ער האט דעם פינעווער אריינגענייט אין זיינע הויזן, איך בין שוין היינט אן אלטער איד (שוין געווען קרוב לתשעים) אין מיין לעבן: <u>בין איך נישט געווען ביי א דאקטער</u> - <u>קיינמאל נישט געווען פארקילט</u> - <u>ניטאמאל צו א דענטיסט געדארפט גיין</u>.

**זכותם יגן עלינו**

---

יביעות קאלוס

**מנהג**

**טעמו**

**ומקורו**

**מנהג: סעודת חלב - שבועות**

דער רמ"א זאגט אז מ'עסט אינדערפרי, **הטעם**, וויל ס'איז גלייך צו די צוויי תבשילין פון פסח, <u>זכר לפסח</u> און <u>זכר לחגיגה</u>, וועגן דעם עסט מען שבועות סעודת חלב און בשר, און צייכענט צו, אז מ'זאל זיך אויך קובע זיין אויף פת, ווייל די צוויי חלות, אויפן טיש וואס איז <u>במקום מזבח</u>, זענען א זכר <u>לשתי הלחם</u>.

**עוד טעם**, ווייל בשעת מתן תורה איז נתגלה געווארן אלע הלכות, ובתוכם שחיטה, און ס'איז גע'אסר'ט געווארן די פלייש, האבן די אידן געקענט עסן נאר מאכלי חלב, לזכר - עסן מיר א סעודת חלב, אין דוקא בייטאג נאך מתן תורה

**יש נוהגין**, אז מ'עסט די מילעכיגע סעודה ביינאכט, און מ'עסט נאר מילעכיגס, שטייט אין מדרש פנחס (הרה"ק פנחס מ'קאריץ זצ"ל) אז די ערשטע נאכט סעודה איז <u>לגומרה של מצוה</u> פון ספירת העומר, וועגן דעם עסט מען א מילעכיגע סעודה דוקא, און נישט קיין געווענליכע יום טוב'דיגע פליישיגע סעודה, ס'זאל זיין ניכר אז ס'איז א סיום לדבר מצוה.

**פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com**